בס"ד

תולדות תשפ"ו

גליון 260

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייעֶרעֶ קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

טַייעֶרע קִינְדֶער, מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ אִין גָאר אַ לֶעכְטִיגְן חֹדֶש, חֹדֶש כִּסְלֵו!

הַא... חֹדֶש כִּסְלֵו דֶערְמַאנְט אוּנְז אַז עֶס קוּמֶען שׁוֹין צוּ גֵיין דִי חֲנוּכָּה טֶעג, וְוי לִיכְטִיג אוּן הֵיילִיג זֶענֶען דִי חֲנוּכָּה טֶעג, מֶען דֶערְמַאנְט זִיךְ נָאר פוּן דִי חֲנוּכָּה לִיכְט מִיט דִי זִיסֶע נִגוּנִים וֶוערְט וַוארֶעם אִין דִי בֵּיינֶער! בְּרֶסְלֶבֶ'ע קִינְדֶער מֶען דַארְף זִיךְ שׁוֹין גְרֵייטְן צוּם יוֹם טוֹב! אֵיינֶער גְרֵייט זִיךְ מִיט לֶערְנֶען דִי סְפָרִים פוּן צַדִיקִים פוּן דִי מַעֲלוֹת פוּן חֲנוּכָּה, אַ צְוֵוייטֶער מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיף חֲנוּכָּה אָדֶער גְרֵייט מֶען זִיךְ מִיט זָאגְן לִקוּטֵי תְּפִלּוֹת אוֹיף חֲנוּכָּה, יֶעדֶער אִינְגֶל אוּן יֶעדֶער אִיד לוֹיט זַיין מַצָּב אוּן פַארְשְׁטַאנְד.

דִי וָואךְ אִין דִי פַּרְשָׁה פַארְצֵיילְט אוּנְז דִי תּוֹרָה וֶועגְן יַעֲקֹב אוּן עֵשָׂו, גְלַייךְ פוּן אָנְהֵייבּ גֶעבּוֹירְן הָאבְּן זֵיי זִיךְ שׁוֹין גֶעקְרִיגְט וֶוער עֶס אִיז דֶער בְּכוֹר, בְּכוֹר מֵיינְט חֲשִׁיבוּת, אַזוֹי וְוי דֶער פָּסוּק זָאגְט "אַף אָנִי בְּכוֹר אֶתְּנֵהוּ".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִין דִי עֶרְשְׁטֶע תּוֹרָה פוּן לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן זָאגְט, אַז יַעֲקֹב אוּן עֵשָׂו זֶענֶען מְרַמֵּז אוֹיף דֶער 'יֵצֶר טוֹב' מִיטְן 'יֵצֶר הָרָע', דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אַז אַן אִישׁ הַיִשְׂרְאֵלִי – אַ אִידִישׁ קִינְד דַארְף אַלֶעמָאל קוּקְן אִינֶעם שֵׂכֶל וָואס לִיגְט אִין יֶעדֶע זַאךְ, אוּן זִיךְ מְקַשֵׁר זַיין צוּ דִי חָכְמָה אוּן שֵׂכֶל וָואס לִיגְט אִין יֶעדֶע זַאךְ, אַז דִי 'שֵׂכֶל שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָבָר' זָאל אִין אוּנְז אַרַיינְשַׁיינֶען אוּן אוּנְז דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, דָאס מֵיינְט אַז מִיר דַארְפְן אַרַיינְקוּקְן אִין יֶעדֶע זַאךְ "וְויאַזוֹי קֶען אִיךְ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי זַאךְ? אוּן וְויאַזוֹי קֶען אִיךְ צוּקוּמֶען צוּ מַיין תַּכְלִית דוּרְךְ דֶער זַאךְ".



עֵשָׂו אִיז פוּנְקְט פַארְקֶערְט! עֶר וְויל נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן גָארְנִישְׁט, נָאר וָואס סְ'גְלוּסְט אִים יֶעצְט אִין דִי מִינוּט וְויל עֶר שׁוֹין הָאבְּן! עֶר וְויל נָאר תַּאֲווֹת פוּן דֶער וֶועלְט, דָאס אִיז אַ מִלְחָמָה מֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן. יַעֲקֹב אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי טַייעֶרֶע הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, וָואס אִיז אַ חֵלֶק אֱלוֹקַ מִמַּעַל, אוּן דָאס לִיגְט בַּיי יֶעדְן אִיד, אָבֶּער עֵשָׂו טַעֲנֶ'ט

אַז עֶר אִיז דֶער בְּכוֹר, אַז קוֹדֶם קוּמְט דֶער גוּף מִיט זַיינֶע תַּאֲוות, דָאס אִיז בַּיי עֵשָׂו מֶער חָשׁוּבֶ'ער.

מִיר דַארְפְן אָבֶער ווִיסְן אַז מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן מִיט זַיין גְרוֹיסְן תַּלְמִיד, וָואס לֶערְנֶען אוּנְז אַז אֲפִילוּ עֶס קֶען זִיךְ אוּנְז דַאכְטְן אַז עֵשָׂו אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּן יַעֲקֹב אִיז שְׁוַואךְ אוּן קְלֵיין, אָבֶער אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט צוּם סוֹף אַז יַעֲקֹב הָאט בַּאקוּמֶען דִי בְּכוֹרָה, אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי אוּנְז, אוֹיבּ מִיר וֶועלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט עַקְשָׁנוּת אוּן תְּפִלּוֹת צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל אוּנְז רַאטֶעוֶוען פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, וָואס ווִיל אוּנְז צֶעבְּרֶעכְן אוּן אַרָאפְּוַוארְפְן פוּן אוּנְזֶער חֲשִׁיבוּת, עֶר ווִיל אוּנְז צֶעטְרֶעטְן מִיר זָאלְן נָאר זַיין פַארְנוּמֶען מִיט גַשְׁמִיּוּת אוּן זַאכְן פוּן עוֹלָם הַזֶּה, וָואס טַאקֶע דֶערְפַאר הֵייסְט עֶר עֵשָׂו פוּן לָשׁוֹן "עֲשִׂיָּה" וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף גַשְׁמִיּוּת פוּן עוֹלָם הַזֶּה, וָואס אִיז פִיל מִיט עַצְבוּת.

אָבֶער צוּם סוֹף וֶועט דִי נְשָׁמָה זַיין דֶער בְּכוֹר דָאס מֵיינְט אַז דִי נְשָׁמָה וֶועט זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיפְן גוּף, דֶער יֵצֶר טוֹב וֶועט גֶעוִוינֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע, אוּן בִּכְלָלִיּוּת, צוּם סוֹף וֶועט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט ווִיסְן אַז דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען דֶער אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּענֶער פָאלְק אוּן נָאר פַאר זֵיי הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, עֶס זָאל שׁוֹין מְקֻיָּם וֶוערְן דִי תְּפִלָּה וָואס מִיר בֶּעטְן יֶעדְן טָאג בַּיי מַעֲרִיב "כִּי פָדָה ה' אֶת יַעֲקֹב וּגְאָלוֹ מִיַּד חָזָק מִמֶּנּוּ" דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן פוּן אַלֶע שְׁטַארְקֶע שׂוֹנְאִים בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת, אוּן מִיר וֶועלְן אַלֶע מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע בְּרָכָה "בָּרוּךְ אַתָּה ה' גָאַל יִשְׂרָאֵל", אָמֵן וְאָמֵן.

המשך פון זייט 12

# קֶענְסְט זַיין ווִי מִיר?

דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין חָכְמָה, וַוייל אִיךְ בִּין אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִינְגֶל. לָאמִיר זָאגְן אַז דוּ וָואלְסְט גֶעוֶוען קְלוּגֶער פוּן שְׁרָגָא, וָואלְט עֶס שׁוֹין טַאקֶע גֶעוֶוען עֶפֶּעס אַ דֶערְגְרֵייכוּנְג, וַוייל עֶר אִיז בֶּאֱמֶת אַ קִינְד אַ חָכָם אוּן אַ לַמְדָן. אָבֶער סְתַּם אַזוֹי, טוּט מִיר וֵויי פַארְוָואס דוּ בִּיסְט פַארְוֵוייטָאגְט אוּן דוּ לַיידְסְט דִי גַאנְצֶע טָאג. דוּ הָאסְט דָאךְ אַזוֹיפִיל הַצְלָחוֹת - גֶעלוּנְגֶענֶע בְּחִינוֹת, גֶעשְׁמַאקֶע חֲבֵרִים, טֶעגְלִיכֶע צִילְן, וואוּנְדֶערְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת - פַארְוָואס זֶע אִיךְ דִיר דִי גַאנְצֶע טָאג מִיט אַ טְרוֹיעֶרִיג, פַארְ'דַאֲגָה'ט, צוּטְרָאגְן, פַארְטוּן, אָנְגֶעלֵייגְט, אוּן וֵוייטָאגְלִיךְ גֶעזִיכְט?..."

"אוּן בֶּאֱמֶת שָׁאוּל, בֶּאֱמֶת, הַלְוַאי זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אָנְקוּמֶען צוּ מַיין מַדְרֵיגָה. הַלְוַאי זָאלְסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין, הַלְוַאי זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין תְּמִימוּת'דִיג אוּן פָּשׁוּט אַזוֹיווִי מִיר".

שָׁאוּל הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעלַאכְט מִיט אַ צִינִישֶׁע שְׁמֵייכְל אוֹיף יַעֲנְקִי'ס רֵייד, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשֵׁיידְט מִיט אַן 'אַ גוּטֶע נַאכְט' ווּאוּנְטְשׁ יֶעדֶער צוּ זִיךְ אַהֵיים.

אָבֶער מִיר וֵוייסְן שׁוֹין וֶוער עֶס קֶען אָנְקוּמֶען אוֹיף וֶועמֶענְ'ס מַדְרֵיגָה אוּן וֶוער נִישְׁט...

# אײן אשה'לע



אִין הויז טוּט זִיךְ אַ פְרֵיילִיכֶע גֶעפִּילְדֶער. אַלֶעס פָּארְט אוֹיף רֶעדֶער. אוּן קֵיינֶער פְרֶעגְט נִישְׁט פַּארְוָואס. קֵיינֶער וואוּנְדֶערְט זִיךְ נִישְׁט פַּארְוָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גֶעהֶערִיגֶע גֶעקָאכְטֶע מִיטָאג אָדֶער אַז דִי וֶועשׁ אִין וַואשׁ-צִימֶער רִינְט אִיבֶּער; קֵיינֶער וַויינְט נִישְׁט אַז מַיין מַאמֶע אִיז נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים. יֶעדֶער אִיז גְלִיקְלִיךְ אוּן פְרֵיילִיךְ מִיט דִי מְצִיאוּת. מַיין בְּרוּדֶער גְרֵייט זִיךְ צוּ זַיין חֲתוּנָה. מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט דֶעם טָאג אוּן נַאכְט.

גֶעוֶוענְלִיךְ, וֵוייסְן מִיר נִישְׁט פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶס טוּט זִיךְ מִיט דִי גֶעלְט עִנְיָנִים בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן. מִיר וֵוייסְן נָאר אַזוֹיפִיל אַז מַיין טַאטֶע אִיז בָּרוּךְ-הַשֵּׁם אַ בֶּן-תּוֹרָה אוּן מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּן קַיין אִיבֶּערִיגֶע זַאכְן. אֵיידֶער מֶען קוֹיפְט אַ זַאךְ, טְרַאכְט מֶען עֶס אִיבֶּער אוֹיבּ סְ'אִיז טַאקֶע וִויכְטִיג אוּן פוּן וואוּ מֶען וֶועט דֶעקְן דִי הוֹצָאוֹת. אַצִינְד, גְרֵייטְנְדִיג זִיךְ דִי דֶערְהוֹיבֶּענֶע מָאמֶענְטְן, אִיז דִי פְּרַאגֶע פוּן גֶעלְט גֶעוֶוען אוֹיפְן טִישׁ.

מַיין טַאטֶע הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעזָארְגְט נָאר אוּנְז גֶעמוּטִיגְט צוּ דַאוֶוענֶען אוּן בֶּעטְן אַז דִי חֲתוּנָה זָאל גֶעדֶעקְט וֶוערְן אָן קַיין חוֹבוֹת. פַאר אַ חֲתוּנָה קוּמְט אַרָאפּ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁפָּעוֹת, מֶען דַארְף נָאר זֶען עֶס אָנְצוּכַאפְּן מִיט בֵּיידֶע הֶענְט.

מִיר קִינְדֶער הָאבְּן גֶעזֶען וִוי מַיין בְּרוּדֶער אִיז אוּמְרוּאִיג מִיט דִי פוּלֶע זַאכְן וָואס עֶר דַארְף נָאךְ עֶרְלֶעדִיגְן אוּן עֶר קֶען נִישְׁט. מִיר הָאבְּן זֵייעֶר רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אִים אוּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים הֶעלְפְן אוּן עֶר זָאל קֶענֶען צוּטְרֶעטְן צוּ זַיין חֻפָּה מִיט אַ פְרֵיילִיכֶע אוּן רוּאִיגֶע גֶעמִיט.

אוֹיךְ מַיין מַאמֶע הָאט זֵייעֶר פִיל מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט מִיט אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן. מַיין מַאמֶע הָאט אַן אַיינְפִירוּנְג צוּ צִינְדְן לִיכְט אִינְמִיטְן דִי וָואךְ אַלְס זְכוּת לְעִלּוּי-נִשְׁמַת. יֶעדֶעס מָאל טְרֶעפְט זִי אוֹיס אַן אַנְדֶערֶע צַדִיק אָדֶער יָארְצַייט פַאר וֶועמֶען צוּ צִינְדְן. אוּן זִיכֶער צִינְד זִי פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. גֶעוֶוענְלִיךְ אִיז זִי זִיךְ מִשְׁתַּדֵּל צוּ צִינְדְן מִיט שֶׁמֶן-זַיִת. זִי נֶעמְט אַ פָּשׁוּט'ן שַׁבָּת גְלֶעזְל מִיט אַ שַׁבָּת-לִיכְטְל אוּן דֶערִין גִיסְט זִי אַרַיין שֶׁמֶן-זַיִת אוּן צִינְד עֶס אָן, זָאגְנְדִיג דֶערְבַּיי אַ נָאמֶען אוּן בַּקָשָׁה. אוֹיךְ אַצִינְד, אִין דִי סַאמֶע בְּרֶען פוּן עֶרֶב חֲתוּנָה, הָאט זִי אַסַאךְ גֶעצִינְדְן לִיכְט אוּן הֵייס גֶעדַאוְוענְט אַז זִי זָאל קֶענֶען צוּשְׁטֶעלְן אַלֶע צָרְכֵי חֲתוּנָה מִיט אַ בְּרֵייטְקֵייט.

*

"וֶוער הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט צֶען טוֹיזְנְט שֶׁקֶל אִין בַּאנְק?" הָאט מַיין טַאטֶע אֵיין טָאג גֶעפְרֶעגְט פוּן מַיין מַאמֶע.

"צֶען וואַ--ס?! אֶפְשָׁר אִיז עֶס נָאר אַ טָעוּת אִין נוּמֶערְן, סְ'אִיז טוֹיזְנְט שֶׁקֶל."

"נֵיין, קְלָאר, כְ'הָאבּ עֶס עֶטְלִיכֶע מָאל אִיבֶּערְגֶעקוּקְט. צֶען טוֹיזְנְט."

נֶע, סְ'אִיז אַ טָעוּת אוּן בַּאלְד וֶועט מֶען זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, הָאט מַיין מַאמֶע גֶעקְלֶערְט. מֶען וֶועט צוּרִיקְגֶעבְּן דִי גֶעלְט אוּן מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן הֲשָׁבַת אֲבֵידָה.

נָאךְ אַ גְרִינְטְלִיכֶע אוֹיסְפָארְשׁוּנְג הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעפִירְט אַ גֶעוִוויסֶע עֵסֶק וָואס הָאט זִיךְ שׁוֹין זֵייעֶר לַאנְג גֶעשְׁלֶעפְּט אוּן זֵיי הָאבְּן שׁוֹין לַאנְג אוֹיפְגֶעגֶעבְּן הָאפֶענוּנְג אַז עֶס וֶועט נָאךְ עֶפֶּעס אַרוֹיסְקוּמֶען דֶערְפוּן. אַצִינְד אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען דִי גֶעלְט פוּנְקְט אִין צַייט. מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ גֶעקֶענְט גְרֵייטְן צוּ דִי חֲתוּנָה מִיט אַ פְרֵיילִיכְקַייט. אִינְצְווִישְׁן זֶענֶען אוּנְטֶערְגֶעקוּמֶען נָאךְ עֶטְלִיכֶע נִסִּים בִּיז דִי גַאנְצֶע חֲתוּנָה אִיז גֶעדֶעקְט גֶעוָוארְן אָן קַיין חוֹבוֹת נָאר מִיט תְּפִלָּה!




*אין קורצן פון פריער:*

***מיר האלטן אז ר' נתן איז געווען דעם ערשטן שבת ביים רבי'ן ווען דער רבי האט געזונגען די זמירות האט רבי נתן געשפירט ווי זיין נשמה ווערט דערהויבן א טפח העכער.***

דעם רבי'נס סדר איז געווען צו מאכן קידוש, זיך וואשן, מאכן המוציא און ערשט נאכן עסן א כזית חלה פלעגט ער זינגען דעם ניגון 'אזמר בשבחין'. דער וועג פון זינגען די זמירות איז געווען אז דער רבי האט פארגעזינגען די ערשטע האלב פון יעדע כרוז, צום ביישפיל: "אזמר בשבחין למיעל גו פתחין", די חסידים פלעגן צוענדיגן די ווערטער "דבחקל תפוחין דאינון קדישין"... א.א.וו.

אין דעם שבת, ווען דער רבי איז צוגעקומען צו די ווערטער, "נזמין לה השתא, בפתורא חדתא" (מיר לאדענען יעצט איין, צו דעם נייעם טיש), האט דער רבי איבערגע'חזר'ט די דאזיגע ווערטער עטליכע מאל. ר' נתן האט דאס אנגענומען אלס א רמז צו דאס וואס דער רבי האט אים געזאגט ערב שבת קודש, אז ער וועט זיי פירן אויף א נייעם וועג אין עבודת השם. ר' נתן האט איינאיינעם מיט די חסידים, צוגעענדיגט דעם כרוז: "ובמנרתא טבתא דנהרא על רישין" (און מיט א גוטן ליכט וואס שיינט איבער אונזערע קעפ) האט ר' נתן אינזין געהאט דערביי, אז דאס גייט ארויף אויף דעם הייליגן רבי'ן וועלכע איז א שיינע ליכטיגקייט וואס שיינט איבער זיין קאפ!

ביי די פרייטאג צונאכטס טיש, האט דער רבי געזאגט תורה איבער דער ענין פון פאטשן מיט די הענט ביים דאווענען, אנטפלעקנדיג דעם גרויסן כח און חשיבות דערפון, דאס איז געווען די ערשטע תורה וואס ר' נתן האט געהערט פון רבי'ן. דעם רבי'נס הייליגן טיש האט געמאכט אויף ר' נתן א טיפן רושם, ער האט דורכאויס די צייט געשפירט אן אויסערגעווענליכן יראה, אויף אן אופן וואס ער האט קיינמאל בעפאר נישט געשפירט ביי קיין שום אנדערן צדיק, די פארכטיגע מאמענטן האבן אריינגעשיינט אין אים א ליכטיגקייט וואס האט אים נאך לאנג לאנג באגלייט זיין גאנץ לעבן.

ר' נפתלי האט דערציילט: אז הערנדיג פון

# אונטערזוועגנס

הייליגן רבי'ן דעם זמר אזמר בשבחין, איז ער אזוי אויפגעפלאמט געווארן אז ער האט געמוזט ארומבינדן זיין קאפ מיט א פאטשיילע (טאש־טיכל) זיין קאפ זאל אים נישט פלאצן פון גרויס אנשטרענגונג.

שבת אינדערפרי האט ר' נתן ווידעראמאל זוכה געווען צו זיין ביים רבי'נס טיש. דער רבי האט גערעדט חיזוק ווערטער און ר' נתן האט געשפירט מיט יעדעס ווארט וואס דער רבי האט ארויסגערעדט אז ער באקומט א נייע חיות מיט מוט און כח צו קענען שטיין פעסט איבער אלע ביטערע רדיפות און התנגדות וואס ער האט אויסצושטיין פון אלע זיינע ארומיגע.

דער הייליגער שבת איז פארביי איבערלאזנדיג רבי נתן אין א דערהויבענעם שטימונג. און וואס האט ער געטון די ערשטע זאך?

אפגעשריבן דעם רבינ'ס הייליגע תורה. ס'איז געווען די ערשטע תורה פון א לאנגע קייט פון תורות וואס זענען אריבער רבי נתנ'ס הייליגע פענע!

זונטאג ערב ראש השנה איז פארגעקומען א מארק־טאג אין ברסלב ווי שטענדיג, ר' נתן גייט ארויס אין גאס און באגעגנט עטליכע פון זיינע באקאנטע פון שטאט נעמירוב וועלכע זענען געקומען האנדלען אין מארק. ר' נתן באגריסט זיי נאטירליך און זיי געבן א פרעג: "נו, ר' נתן איר פארט צוריק אהיים אויף ראש השנה?".

ניין, האט ער געענטפערט, מיין מארק־טאג איז נאכנישט פאריבער!

ליינט אי"ה אין קומענדיגער נומער איבער ר' נתנ'ס מארק־טאג.

טרעף 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער



# א סצענע פון יענע וועלט #2



*אין קורצן פון פריער, ר׳ שמשון איז געווארן דער באגלייבטער היטער אויף די וועלדער פון ר׳ אברהם בער.*

ר׳ שמשון האט זיך שטארק געפריידט צום פאסטן, אינזין האבנדיג אז אזוי וועט ער רואיגערהייט קענען דינען דעם באשעפער חוץ לישוב, אינעם ריינעם לויטערן אטמאספער פון אויסער׳ן שטאט. ר׳ אברהם בער - וועלכער האט זיך פארלאזט אויף זיין ישרות - האט אפגעמאכט מיט אים אז ווען אימער ער נויטיגט זיך קען ער נעמען פון די געלטער וואס קומען ארייןביים פארקויפן דאס האלץ.

ר׳ שמשון האט זיך אריבערגעצויגן וואוינען אין א הייזקע אין וואלד, פארברענגענדיג מיט לערנען, דאווענען און התבודדות, אויסער זיין ארבעט אלס היטער און אויפזעער אויף דאס האלץ האקעריי און דערנאך דאס האלץ-האנדל.

און ווי וואונדערליך, פונעם טאג וואס ער איז אנגעקומען האבן די ארומיגע גוים אויפגעהערט גנב׳ענען פון די העלצער פון וואלד, זיך שרעקנדיג פונעם אידישן ׳ראבין׳ ווענעמענס געשריי טוט אלע ווײלע ארויסדרינגען פון די טיפעניש פון וואלד...

א קורצע צייט שפעטער האט ר׳ שמשון חתונה געמאכט זיין זון, און אויף די הוצאות האט ער גענומען פון די קאסע, אזוי ווי ער האט געהאט אפגעשמועסט מיט ר׳ אברהם בער. אין איינע פון די טעג איז ר׳ שמשון פלוצלינג נפטר געווארן אין די הייזקע וואו ער האט געוואוינט. ביינאכט האט ר׳ אברהם בער גע׳חלומ׳ט א מורא׳דיגע חלום. ר׳ שמשון ערשיינט נעבן אים און זאגט: ״מיין פריינט, זיי וויסן אז איך בין שוין נישט צווישן די לעבעדיגע. איך בין געקומען אויפ׳ן באפעל פון דיין זיידן דער הייליגער רבי, דיר איבערצובעטן, ווייל איך האט נישט אנגעיאגט צו ארבעטן פאר דיר אין וואלד

געגוג לויט וויפיל כ׳האב גענומען פון דיינע געלטער.״ דער דערשטוינטער ר׳ אברהם בער האט גערן מוחל געווען ר׳ שמשון. דערנאך האט ער אים געבעטן צו דערציילן וואס עס האט זיך אפגעשפילט מיט אים נאך זיין פטירה.

״ארויפקומענדיג אויף יענע וועלט,״ האט ר׳ שמשון אנגעהויבן דערציילן, ״האב איך נישט געוואוסט וואו זיך צו ווענדן. פלוצלינג זעה איך רבי נפתלי דעם רבי׳נס תלמיד. איך האב מיך געבעטן ביי אים ער זאל מיך נעמען צום רבי׳ן, אבער ער האט געענטפערט: ׳די דאזיגע ענין באלאנגט נאר פאר רבי נתן, אבער איך וועל אים צואוויסן טון דיין בקשה.׳ נאך א געוויסע צייט איז רבי נתן ערשינען און מיר גענומען צום רבינ׳ס היכל. דער רבי האט א בליק געטאן אין א ביכל אין זיין האנט, און געזאגט: ׳יא, דו ביזט פון מיינע לייט! נאר כדי דו זאלסט קענען זיין אין מיין היכל, דארפסטו זיך ערשט טובל׳ען אין טייך דינור...׳ רבי נתן האט מיך גענומען און באגלייט צום דאזיגן מורא׳דיגן טייך. אויפ׳ן וועג האבן מיר אנגעטראפן א באנדע מלאכי חבלה, אבער ווי נאר זיי האבן זיך געוואלט דערנענטערן צו אונז האט רבי נתן אויסגערופן: ׳רבי נחמן האט אונז געשיקט!׳ אין יענע רגע זענען זיי אלע צוגאנגען ווי קיינמאל גארנישט.

אזוי האט זיך איבערגעשפילט עטליכע מאל, ביז מיר זענען אנגעקומען צום טייך דינור.

״וואס זאל איך דיר זאגן? די יסורים זענען געווען זייער שטארק, אבער די פארגעניגן וואס מען שפירט דערנאך - דאס קען מען בכלל נישט באגרייפן אויף דעם וועלט. צוריקקומענדיג צום רבי׳ן האט ער מיר געזאגט: ׳מען שפירט נאך אלס פון דיר א ״גערוך פון עולם הזה״, דו מוזט זיך טובל׳ען נאכאמאל!׳ איך האב אויסגעפירט זיין באפעל, און צוריקקומענדיג האט מיר דער רבי געזאגט: ׳יעצט דארפסטו גיין צו מיין אייניקל אברהם בער און אים בעטן מחילה אויף די געלט וואס דו ביזט אים שולדיג געבליבן.׳״

ר׳ אברהם בער האט זיך ערוועקט פון זיין חלום איבערגענומען מיט התרגשות. א קורצע צייט שפעטער איז טאקע פעסטגעשטעלט געווארן אז ר׳ שמשון איז נפטר געווארן. ער האט דערציילט פאר זיינע חברים - רבי נתנ׳ס תלמידים - זיין מורא׳דיגן חלום, און דאן האבן עטליכע פון זיי זיך פלוצלינג דערמאנט אין די וואונדערליכע רייד פון רבי נתן צו אים מיט פילע יארן פריער, נאך זייענדיג א אינגל: ״דאס וועט דיר נאך צוניצקומען!״

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת




אוּן דֶער ׳תַּם׳, פְלֶעגְט אַלֶעמָאל לוֹיפְן, אוּן פְלֶעגְט קוּמֶען צוּם ׳חָכָם׳, מִיט ׳שִׂמְחָה׳ מִיט ׳פְרֵייד׳! – אוּן עֶר הָאט אִים אַלְץ גֶעפוּנֶען אִין ׳צַעַר׳ אוּן פוּל מִיט ׳יִסוּרִים׳!

אוּן עֶר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: ״אַזוֹי אַ [אַזַא] ׳חָכָם׳ אוּן אַזוֹי אַ [אַזַא] ׳עוֹשֶׁר׳ וִוי דוּ בִּיזְט, וָואס הָאסְטוּ אַלְץ ׳יִסוּרִים׳ תָּמִיד?! – פַארְוָואס בִּין אִיךְ תָּמִיד פְרֵיילֶעךְ״?!

אִיז דָאס בַּיים ׳חָכָם׳ גֶעוֶוען אַ גֶעשְׁפֶּעט! – אוּן עֶר הָאט בַּיי אִים אַ פָּנִים גֶעהַאט פַאר ׳מְשׁוּגָע׳!

הָאט דֶער ׳תַּם׳ צוּ אִים גֶעזָאגְט: ״אֲפִילוּ ׳גְלַאטֶע׳ [פָּשׁוּטֶ׳ע] מֶענְטְשְׁן, אַז זֵיי שְׁפֶּעטְן אוֹיס מִיר [מִיר אוֹיס], זֶענֶען זֵיי אוֹיךְ ׳נַעֲרָנִים׳! – וָוארְן אַז זֵיי זֶענֶען שׁוֹין קְלוּגֶער פוּן [קֶעגְן] מִיר, זֶענֶען זֵיי זִיךְ הֶערְשְׁט נַעֲרָנִים [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]! – מִכָּל־שֶׁכֵּן אַזוֹי אַ [אַזַא] ׳חָכָם׳ וִוי דוּ בִּיזְט, וָואס אִיז אַז דוּ בִּיזְט שׁוֹין קְלוּגֶער פוּן מִיר״?!

הָאט זִיךְ דֶער ׳תַּם׳ אָנְגֶערוּפְן, אוּן הָאט גֶעזָאגְט צוּם ׳חָכָם׳: ״וִוי גִיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען אוֹיף מַיין שְׁטֵייגֶער״?! (כְּלוֹמַר: דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ אַ ׳תַּם׳ וֶוערְן).

הָאט דֶער ׳חָכָם׳ גֶעעֶנְטְפֶערְט:

״דָאס קֶען גֶעמָאלְט [מֶעגְלִיךְ] זַיין, אַז אִיךְ זָאל קוּמֶען אוֹיף דַיין שְׁטֵייגֶער! – אַז [אוֹיבּ] גָאט זָאל [וֶועט] בַּיי מִיר דֶעם ׳שֵׂכֶל׳ אַוֶועקְנֶעמֶען חַס־וְשָׁלוֹם – אָדֶער אִיךְ זָאל [וֶועל] חַס־וְשָׁלוֹם קְרַאנְק וֶוערְן, [דַאן] קֶען זַיין אַז אִיךְ זָאל [וֶועל] אוֹיךְ וֶוערְן ׳מְשׁוּגָע׳ – וָוארְן וָואס בִּיזְטוּ דֶען? נָאר ׳מְשׁוּגָע׳!

נָאר אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען אוֹיף מַיין שְׁטֵייגֶער – דָאס אִיז נִישְׁט גֶעמָאלְט [מֶעגְלִיךְ] בְּשׁוּם־אוֹפָן, אַז דוּ זָאלְסְט זַיין אַזוֹי אַ [אַזַא] ׳חָכָם׳ וִוי אִיךְ״!

הָאט דֶער ׳תַּם׳ גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״בַּיי הַשֵּׁם־יִתְבָּרַךְ אִיז אַלְץ מֶעגְלִיךְ – [אוּן עֶס] קֶען זַיין כְּהֶרֶף־עַיִן (אַזוֹי־וִוי אַ אוֹיגֶנְבְּלִיק) אַז אִיךְ זָאל קוּמֶען אוֹיף דַיין ׳חָכְמָה׳״!

הָאט דֶער ׳חָכָם׳ אוֹיס אִים זֵייעֶר גֶעלַאכְט [אִים זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלַאכְט]!

אוּן דִי [דָאזִיגֶע] ׳צְוֵויי קִינְדֶער׳, פְלֶעגְט דִי וֶועלְט רוּפְן: ׳חָכָם׳ אוּן ׳תַּם׳ – דֶעם הָאבְּן זֵיי גֶערוּפְן: ׳חָכָם׳, אוּן דֶעם הָאבְּן זֵיי גֶערוּפְן: ׳תַּם׳!

כָאטְשֶׁע סְ׳אִיז פַארְהַאנְדְן אַסַאךְ ׳חֲכָמִים׳ אוּן ׳תַּמִים׳ אוֹיף דֶער וֶועלְט – דָא הָאט זִיךְ עֶס אָבֶּער זֵייעֶר אָנְגֶעזֶעהְן – וָוארְן זֵיי זֶענֶען בֵּיידֶע גֶעוֶוען פוּן אֵיין שְׁטָאט, אוּן הָאבְּן אִין אֵיין ׳חֵדֶר׳ גֶעלֶערְנְט – אוּן דֶער אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ וִוילְדֶער ׳חָכָם׳, אוּן

דֶער אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער ׳תַּם׳ – (אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאט מֶען זֵיי דִי ׳צוּ־נֶעמֶען׳ גֶעגֶעבְּן, דֶעם ׳חָכָם׳, אוּן דֶעם ׳תַּם׳)!

אוּן אִין דֶער ׳סְקַאסְקֶע׳ [בִּיךְ פוּן אַלֶע אַיינְוואוֹינֶער], פַארְשְׁרֵייבְּט מֶען זִיךְ אִיטְלֶעכְן מִיט אַ צוּ־נָאמֶען פוּן זַיין ׳פַאמִילְיֶע׳ – הָאט מֶען אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף דֶעם, דֶעם צוּ־נָאמֶען: ׳חָכָם׳ – אוּן אוֹיף דֶעם: ׳תַּם׳!

אַמָאל אִיז דֶער ׳מֶלֶךְ׳ גֶעקוּמֶען, אִיבֶּער [עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעקוּקְט] דֶער ׳סְקַאסְקֶע׳ [בִּיךְ פוּן אַלֶע אַיינְוואוֹינֶער] – הָאט עֶר גֶעפוּנֶען דִי [דָאזִיגֶע] ׳צְוֵויי׳ [קִינְדֶער], וִוי זֵיי זֶענֶען [גֶעוֶוען דָארְט] פַארְשְׁרִיבְּן, דֶער מִיט דֶעם צוּ־נָאמֶען: ׳חָכָם׳, אוּן דֶער מִיט דֶעם צוּ־נָאמֶען: ׳תַּם׳!

אִיז דָאס בַּיים ׳מֶלֶךְ׳ גֶעוֶוען אַ וואוּנְדֶער, וָואס דִי ׳צְוֵויי׳ הָאבְּן אַזוֹינֶע ׳צוּ־נֶעמֶען׳: ׳חָכָם׳ אוּן ׳תַּם׳!

הָאט דֶער ׳מֶלֶךְ׳ זֵייעֶר גֶעוָואלְט זֵיי זֶעהְן!

הָאט זִיךְ דֶער ׳מֶלֶךְ׳ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: ״אַז אִיךְ וֶועל פְּלוּצִים שִׁיקְן נָאךְ זֵיי אַז זֵיי זָאלְן קוּמֶען פַאר מִיר, וֶועלְן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר אִיבֶּערְשְׁרֶעקְן – אוּן דֶער ׳חָכָם׳ וֶועט גָארְנִישְׁט וִויסְן וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן – אוּן דֶער ׳תַּם׳ וֶועט אֶפְשָׁר מְשׁוּגָע וֶוערְן מַחֲמַת פַּחַד״.

הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען דֶער ׳מֶלֶךְ׳: ״אַז עֶר זָאל שִׁיקְן אַ ׳חָכָם׳ צוּם ׳חָכָם׳, אוּן אַ ׳תַּם׳ צוּם ׳תַּם׳״!

נָאר וִוי קְרִיגְט מֶען אִין אַ ׳עִיר־מְלוּכָה׳ אַ ׳תַּם׳? – וָוארְן אִין אַ ׳עִיר־מְלוּכָה׳ (דְהַיְינוּ: דִי שְׁטָאט וָואס דֶער ׳מֶלֶךְ׳ זִיצְט), זֶענֶען דָאס רוֹב ׳חֲכָמִים׳.

נָאר דֶער וָואס עֶר אִיז אַ ׳מְמוּנֶה׳ [אוֹיפְזֶעהְער] אִיבֶּער דִי ׳אוֹצְרוֹת׳, עֶר אִיז דַוְוקָא אַ ׳תַּם׳! – וָוארְן אַ ׳חָכָם׳ וִויל מֶען נִישְׁט מַאכְן פַאר קַיין ׳מְמוּנֶה׳ [אוֹיפְזֶעהְער] אִיבֶּער דִי ׳אוֹצְרוֹת׳ – וָוארְן טָאמֶער דוּרְךְ זַיין ׳חָכְמָה׳ מִיט זַיין ׳שֵׂכֶל׳, וֶועט עֶר אוֹיסְבְּרֶענְגֶען דִי ׳אוֹצְרוֹת׳ – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] מַאכְט מֶען אַ ׳מְמוּנֶה׳ אִיבֶּער דִי ׳אוֹצְרוֹת׳, אַ ׳תַּם׳ דַוְוקָא!

הָאט דֶער ׳מֶלֶךְ׳ גֶערוּפְן אַ ׳חָכָם׳ – אוּן [אוֹיךְ גֶערוּפְן] דֶעם ׳תַּם׳ (וָואס עֶר אִיז אַ ׳מְמוּנֶה׳ אִיבֶּער דִי ׳אוֹצְרוֹת׳) – אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעשִׁיקְט צוּ דִי ׳צְוֵויי׳ (דְהַיְינוּ: צוּם ׳חָכָם׳, אוּן צוּם ׳תַּם׳) – אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן ׳בְּרִיוו׳, צוּ אִיטְלֶעכְן בַּאזוּנְדֶער!

אוּן עֶר הָאט זֵיי נָאךְ ׳בְּרִיוו׳ גֶעגֶעבְּן – צוּם ׳גַאבִּירְנֶער׳ [גוּבֶּערְנַאטָאר; הוֹיפְּט] פוּן דֶער ׳גַאבֶּערְנְיֶע׳ [מֶמְשָׁלָה פוּן יֶענֶעם פְּרָאוִוינְץ־גְלִילוֹת] – וָואס דִי [דָאזִיגֶע] ׳צְוֵויי׳ [קִינְדֶער], דְהַיְינוּ: דֶער ׳חָכָם׳ מִיט דֶעם ׳תַּם׳, זֶענֶען אוּנְטֶער אִים!

אוּן דֶער ׳מֶלֶךְ׳ הָאט גֶעהֵייסְן אִין דֶעם ׳בְּרִיוו׳ [צוּם ׳גַאבִּירְנֶער׳]:

״אַז דֶער ׳גַאבִּירְנֶער׳ זָאל זֵיי שִׁיקְן ׳בְּרִיוו׳ פוּן זַיינֶעטְוֶועגְן, צוּם ׳חָכָם׳ אוּן צוּם ׳תַּם׳! – כְּדֵי אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט שְׁרֶעקְן!

אוּן עֶר זָאל זֵיי שְׁרֵייבְּן: אַז דִי זַאךְ אִיז נִישְׁט נֵייטִיג [וִויכְטִיג], אוּן דֶער ׳מֶלֶךְ׳ אִיז נִישְׁט גוֹזֵר דַוְוקָא אַז זֵיי זָאלְן קוּמֶען – נָאר סְ׳אִיז בַּיי זֵיי דִי בְּרֵירָה, אַז [אוֹיבּ] זֵיי וִוילְן זָאלְן זֵיי

קוּמֶען – נָאר דֶער 'מֶלֶךְ' ווִיל זֵיי זֶעהְן"!

זֶענֶען גֶעפָארְן דִי 'שְׁלוּחִים', דֶער 'חָכָם' מִיט דֶעם 'תָּם' – אוּן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם 'גַאבִּירְנֶער', אוּן הָאבְּן אִים אָפְּגֶעגֶעבְּן דִי 'בְּרִיוו'!

הָאט [זִיךְ] דֶער 'גַאבִּירְנֶער' נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיף דִי 'צְוֵויי קִינְדֶער'! – הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט: "אַז דֶער 'חָכָם', אִיז אַ ווִילְדֶער 'חָכָם', אוּן אַ גְרוֹיסֶער 'עוֹשֶׁר'! – אוּן דֶער 'תָּם', אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער 'תָּם', אוּן עֶר הָאט אַלֶע עֶרְלֵיי 'מַלְבּוּשִׁים' פוּן דֶעם 'פֶּעלְץ', כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]"!

הָאט זִיךְ דֶער 'גַאבִּירְנֶער' מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען: "סְ'אִיז בְּוַודַּאי נִישְׁט שֵׁיין, אַז מֶען זָאל אִים בְּרֶענְגֶען [דֶעם 'תָּם'] פַאר דֶעם 'מֶלֶךְ' אִין אַ 'פֶּעלְץ'"!

הָאט עֶר אִים גֶעמַאכְט 'קְלֵיידֶער' אַזוֹי־ווִי סֶע [עֶס] קֶער צוּ זַיין – אוּן הָאט [דָאס] אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דֶער 'קַארֶעטֶע' [פַארְמַאכְטֶע וָואגְן] פוּן דֶעם 'תָּם'!

אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן 'בְּרִיוו', כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

זֶענֶען דִי 'שְׁלוּחִים' גֶעפָארְן, אוּן זֵיי זֶענֶען צוּ זֵיי גֶעקוּמֶען! – אוּן הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶעגֶעבְּן דִי 'בְּרִיוו'! – דֶער 'חָכָם' הָאט אָפְּגֶעגֶעבְּן צוּם 'חָכָם', אוּן דֶער 'תָּם' צוּם 'תָּם'!

אוּן דֶער 'תָּם' – תֵּיכֶף ווִי מֶען הָאט אִים אָפְּגֶעגֶעבְּן דֶעם 'בְּרִיוו' – הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ דֶעם 'שְׁלִיחַ' (וָואס עֶר אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ 'תָּם', כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]) וָואס עֶר הָאט אִים גֶעבְּרַאכְט [גֶעבְּרֶענְגְט] דֶעם 'בְּרִיוו': "אִיךְ ווֵייס זִיךְ נִישְׁט וָואס אִין דֶעם 'בְּרִיוו' שְׁטֵייט, לֵיין אִים פַאר מִיר"!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן אוֹיסְנֶווייְנִיג וָואס אִין אִים שְׁטֵייט! – דֶער 'מֶלֶךְ' ווִיל, אַז דוּ זָאלְסְט צוּ אִים קוּמֶען"!

הָאט עֶר תֵּיכֶף גֶעפְרֶעגְט: "נָאר אָן לֵיצָנוּת"?! – הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "סְ'אִיז אַוַודַּאי אֱמֶת 'אָן לֵיצָנוּת'"!

אִיז עֶר תֵּיכֶף 'מָלֵא שִׂמְחָה' גֶעוָוארְן, אוּן אִיז גֶעלָאפְן, אוּן הָאט גֶעזָאגְט צוּם וַוייבּ: "מַיין וַוייבּ! דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט נָאךְ מִיר גֶעשִׁיקְט"!

הָאט זִי אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז דָאס? נָאךְ וָואס הָאט עֶר נָאךְ דִיר גֶעשִׁיקְט"?!

הָאט עֶר גָאר קַיין צַייט נִישְׁט גֶעהַאט עֶר זָאל אִיר עֶפֶּעס עֶנְטְפֶערְן.

אוּן הָאט זִיךְ תֵּיכֶף מְזָרֵז גֶעוֶוען מִיט 'שִׂמְחָה', אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעזֶעצְט אִין דֶער 'קַארֶעטֶע' [פַארְמַאכְטֶע וָואגְן] עֶר זָאל פָארְן מִיט דֶעם 'שְׁלִיחַ'!

דֶערְוַוייל הָאט עֶר דָארְט דֶערְזֶעהְן: דִי 'קְלֵיידֶער' (וָואס דֶער 'גַאבִּירְנֶער' הָאט גֶעמַאכְט פוּן זַיינֶעטְוֶועגְן אוּן הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין זַיין קַארֶעטֶע, כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])! – הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ מֶער גֶעפְרֵיידְט: "עֶר הָאט שׁוֹין קְלֵיידֶער אוֹיךְ"!

אוּן אִיז זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גֶעוֶוען!

:pe ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## די ניינטע מעשה - דער חכם און דער תם (4)

**א. וואס האט דער תם געענטפערט פארן חכם, ווען ער האט אים געזאגט: "דו קענסט בשום אופן נישט ווערן אזוי א חכם ווי מיר" ?**

- ❑ ביי השם יתברך איז אלעס מעגליך.
- ❑ ער האט מודה געווען צו אים.
- ❑ אים בכלל נישט געענטפערט.

**ב. וואס איז געווען א וואונדער ביים מלך?**

- ❑ אז עס איז דא אסאך מענטשן אין זיין מדינה.
- ❑ אז די צוויי מענטשן האבן אזעלכע נעמען "חכם און תם".
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ג. וועמען האט דער מלך געשיקט צו רופן דער תם?**

- ❑ א תם.
- ❑ דער ממונה איבער די אוצרות.
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ד. דער מלך האט באפוילן אז דער חכם און תם זאלן קומען צו אים אדער נישט?**

- ❑ דער מלך האט שטרענג באפוילן זיי זאלן קומען.
- ❑ דער זאך ווענדעט זיך לויט זייער ווילן.
- ❑ פארן חכם האט ער שטרענג באפוילן צו קומען צו אים, און פארן תם נאר אויב ער וויל.

**ה. וואס האט מען געזאגט פארן גאבידניר אויפן חכם?**

- ❑ אז ער איז א ווילדער חכם און א גרויסער עושר.
- ❑ אז ער איז א ווילדער חכם און א גרויסער דאקטער.
- ❑ אז ער איז א גרויסער תלמיד חכם

**ו. וואס האט דער תם געזאגט ווען דער שליח פון קעניג איז געקומען ?**

- ❑ ער האט געזאגט צו זיין ווייב "דער מלך האט נאך מיר געשיקט".
- ❑ געפרעגט נאר אן ליצנות.
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ז. וואס לערנסטו זיך דערווייל פון די מעשה?**

- ❑ אז ווען דער מלך רופט קומט מען גלייך.
- ❑ ווען דער מלך רופט קומט מען נאר מיט ישוב הדעת.
- ❑ ________________________.

**ח. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**

- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק

בַּיי הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ אִיז אַלְץ מֶעגְלִיךְ, קָאן זַיין כְּהֶרֶף עַיִן



## טיפער געטראכט

**וויפיל מאל ווערט דערמאנט אין די מעשה "תם"?**

**ווער פלעגט לויפן? ווער האט זיך מיישב געווען? ווער איז געפארן?**

**ווער האט אויס געלאכט? ווער איז זייער פרייליך געווען?**

**תשובות אויף די מעשה פון דער חכם מיטן תם (3)**

**וויפיל מאל ווערט דערמאנט אין די מעשה אז דער חכם האט געהאט יסורים? 10**

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

# קֶענְסְט זַיין ווי מִיר?

רֶעדְן זִיךְ אַזוֹי דִי צְוֵויי אִינְגֶעלֶעךְ - דֶער חָכָם אוּן דֶער תָּם - צְוִוישְׁן זִיךְ, וֶוען אִינְמִיטְן זָאגְט דֶער תָּם פַּארְ'ן חָכָם: "הַלְוַואי וֶועסְטוּ נָאךְ אֵיין טָאג זַיין אוֹיף מַיין מַדְרֵיגָה". עֶנְטְפֶערְט אִים דֶער חָכָם אָן קֵיין בּוּשָׁה, "אוֹיף צוּ אָנְקוּמֶען צוּ דַיין מַדְרֵיגָה, דַארְף מֶען אָדֶער אַוֶועקְנֶעמֶען מַיין שֵׂכֶל, אָדֶער אַז אִיךְ זָאל וֶוערְן קְרַאנְק אָדֶער מְשׁוּגָע. אָבֶער אַז דוּ זָאלְסְט אָנְקוּמֶען אוֹיף מַיין מַדְרֵיגָה, דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט מֶעגְלִיךְ".



דָאס יָאר אִיז אַרִיבֶּערְגֶעלָאפְן, אוּן דִי צְוֵויי חֲבֵרִים שָׁאוּל אוּן יַעְנְקִי לֶערְנֶען שׁוֹין אִין כִּתָּה ז'. דִי חֲבֵרִים אִין כִּתָּה הָאבְּן לִיבּ צוּ זַיין מִיט שָׁאוּל וָואס הָאט אֵייבִּיג וָואס צוּ זָאגְן אוּן דֶערְצֵיילְן, אוּן עֶר קֶען רִיכְטִיג שְׁמֵייכְלֶען פַאר יֶעדֶן אִינְגְל לוֹיט זַיין מַדְרֵיגָה פוּן חֲשִׁיבוּת אִין כִּתָּה... עֶס גִיסְט זִיךְ פוּן אִים חָכְמָה, אוּן עֶר לָאזְט אַלֶעמֶען הֶערְן זַיין גְאוֹנוּת. וֶוען מֶען זוּכְט אֵיינֶער וָואס זָאל דַרְשְׁ'נֶען בַּיים סְעוּדַת סִיּוּם, שְׁטֶעלְט זִיךְ שָׁאוּל אוֹיף אָן קֵיין מוֹרָא, אוּן פֶּערְל רֵייד גִיסְן זִיךְ פוּן זַיין מוֹיל.

וֶוען אַ קִינְד הָאט אִים גֶערָאטְן אַז מֶען זָאל שְׁפִּילְן 'כַאפּ דִי פָּאן', הָאט עֶר אִים טִיפְזִינִיג עֶרְקְלֶערְט פַארְוָואס דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין גֶעלוּנְגֶענֶע שְׁפִּיל, נָאר עֶס אִיז עֶנְדֶערְשׁ זִיךְ צוּ זוּכְן פַּאסִיגֶערֶע שְׁפִּילְן... קִינְדֶער זֶענֶען צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוֹיף צוּ פְרֶעגְן שְׁאֵלוֹת בִּשְׁעַת חֲזָרָה אוֹיף דִי סוּגְיָא וָואס מֶען לֶערְנְט, אוּן אֵייבִּיג אִיז אִים אַלֶעס גֶעוֶוען קְלָאר אוּן לִיכְטִיג, אַרַיינְגֶעפְלָאכְטְן מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע סְבָרוֹת וָואס עֶר הָאט אַלֵיינְס פַארְשְׁטַאנֶען.

אָוְונְט צַייט, הָאט יַעְנְקִי גֶעטְרָאפְן זַיין בַּאלִיבְּטֶע חַבֶר שָׁאוּל אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים. אַ פְרֵייד הָאט זִיךְ דֶערְקֶענְט אוֹיף זֵייעֶר גֶעזִיכְט, אוּן אִינְאֵיינֶעם הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁפַּאנְט צוּם גֶעגְנְט וואוּ זֵיי וואוֹינֶען.

שָׁאוּל הָאט גֶעגֶעבְן אַ טִיפְן זִיפְץ, "אוֹי, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין כֹּחַ! אִיךְ בִּין מִיד אוּן פַארְמַאטֶערְט...."

"וָואס הָאט פַּאסִירְט מַיין טַייעֶרֶע חַבֶר שָׁאוּל, נֶעכְטְן בִּיסְטוּ גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט? הָאסְט גֶעהַאט עֶפֶּעס אַ מִשְׁפָּחָה שִׂמְחָה?"

"נֵיין, אִיךְ בִּין נִישְׁט מִיד צוּלִיבּ מַאנְגְל אִין שְׁלָאף. נוּ, גוּט, דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט. אוֹיךְ אוֹיבּ אִיךְ וֶועל דִיר עֶרְקְלֶערְן, וֶועסְטוּ אוֹיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין. דוּ הָאסְט אַ קְלֵיינֶע שֵׂכֶל, בִּיסְט אַ תָּמִים... נוּ, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין כֹּחַ פַאר גָארְנִישְׁט. דִי בְּחִינוֹת זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹיווִי אִיךְ וָואלְט גֶעוָואלְט, דִי חֲבֵרִים זֶענֶען נִישְׁט פּוּנְקְט.... אוֹיךְ אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ בְּרָכוֹת, נָאר אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפֶּעטִיגְט אוּן אָנְגֶעקוּמֶען אִינְמִיטְן קָרְבָּנוֹת, בִּקִיצוּר - וָואס אִיז דָא דִיר צוּ עֶרְקְלֶערְן? וֶועסְט מִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין...."

"שָׁאוּל, דוּ זָאגְסְט אַז דוּ בִּיסְט קְלוּגֶער פוּן מִיר, אָבֶער

המשך אויף זייט 2

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר **לוי יצחק הערשקאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת בתו למזל טוב